Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 6 זייטן

№ 247 „Lubliner Tugblat” פּרייז 15 גראָשען

# לובלינער טאָגבלאַט

אַבאָנעמענטס-פּרייז אין לובלין חודש 3 זל. פּראָווינץ חודש 4 זל.
אַנאָנסען-פּרייז: (אַ מילימעטער-שורה) 1-טע און 4-טע זייט 10 שפּאַלטען, אין טעקסט
5 שפּאַלטען, 1-טע זייט 33 גראָשען, אין טעקסט 60 גראָשען, 4-טע זייט 24 גראָשען
פרייטאָג און ערב יום טוב 50 פּראָצענט טייערער.

זעכצעהנטער יאָהרגאַנג

זונטאָג פ׳ וירא ט׳ חשון תרצ״ד 29 Październ. 1933

אַדרעס: לובלין, קראָלעווסקא 13, טעלעפאָן 920, פּאָסט-פאַך 15.

Adres redakcji i administracji: Lublin Królewska 13 tel. 9-20

## סדר פון דער לויה

ביז 10 פריה איז די ישיבה-געבײַדע אָפען פאַר אַלע צו געזעגענען זיך מיטן גרויסען נפטר. די אַנוועזענדע ווערען געבעטען צו פערהאַלטען זיך רוהיג און ווירדיג.

פון 11 ביז 12 דאַרפען זיך אויסשטעלען די שילער פון די פּאָווששעכנע שולען, חדרים און גימנאַזיעס אונטער דער אָנפיהרונג פון די לעהרערס לענגאויס די לובאַרטאָווסקא ביז דער ישיבה.

מיטן אויסשטעלען די קינדער פיהרט אָן דער מיליטער-ראַבינער קאַפּ. ראַאַב. 12.30 וועט די מיטה אַרײַנגעטראָגען דורך די ישיבה-תלמידים אין דער שוהל פון דער ישיבה וואו אַ תלמיד וועט האַלטען אַ הספד.

1 אַזײַגער ווערט די מיטה אַרויסגעטראָגען פון דער ישיבה-געבײַדע, דעם גאַנצען וועג ביזן בית-עולם ווערט די מיטה געטראָגען דורך די ישיבה-תלמידים לויט אַ בעשטימטער אָרדנונג.

מיט די ישיבה-תלמידים פיהרט אָן ה׳ משה אײַזענבערג.

באַלד נאָך דער מיטה געהען: דער ראַבינאַט און היגע רביים, די פאָרשטעהער פון דער אַדמיניסטראַטיווער-מיליטערישער און שטאָדטישער-מאַכט, די קהלה-פערוואַלטונג און ראַט, דעלעגאַציעס און רביים פון פרעמדע שטעדט, דעלעגאַציעס פון היגע געזעלשאַפטען און חברות.

דער ארון מיט די דעלעגאַציעס וועט אַרומגענומען ווערען דורך אַ פערמאַכטען קאָרדאָן פון די מיטגלידער פון „ברית-החיל”.

מיטן אויסשטעלען די דעלעגאַציעס וועט אָנפיהרען פּרעזעס ה׳ בראָמבערג.

דער לויה-צוג וועט געהן דורך פאָלגאַנדע גאַסען: לובאַרטאָווסקא, קאָוואַלסקא, שעראָקא ביז צו דער שוהל, וואו דער ארון וועט אַרײַנגעטראָגען ווערען און ס׳וועט געהאַלטען ווערע אַ הספד.

אין שוהל וועלען אַרײַנגעלאָזט ווערען די ישיבה-תלמידים און דעלעגאַציעס.

דער צוגאַנג צו דער שוהל וועט אָבגעשלאָסען ווערען דורך פּאָליצײַ.

מיטן אָרדנונג בײַ דער שוהל פיהרט אָן דער ה׳ ש. קעסטענבערג.

די שול-קינדער פערהאַלטען זיך נישט בײַ דער שוהל נור געהן ווײַטער ביזן סוף שעראָקא, רוסקא און אַרײַן אין נאַדסטאַווגא, וואו זיי ווערן דורך די לעהרער אָבגעפיהרט אין די שולען און חדרים.

פון דער שוהל געהט דער לויה-צוג צוריק אויף שעראָקא, רוסקא, לובאַרטאָווסקא, אוניצקא טום בית-עולם.

פאַר דער ישיבה-געבײַדע ווערט געהאַלטען אַ הספד.

אויפן בית-עולם וועט אַרויפגעלאָזט ווערען נור די דעלעגאַציעס.

מיט דער אָרדנונג בויפן בית-עולם וועט אָנפיהרען ה׳ ד״ר פלאָטקין.

## אויפפאָדערונג צו דער יודישער בעפעלקערונג

### דער לויה-קאָמיטעט פאָדערט אויף די יודישע בעפעלקערונג אין לובלין און די צוגערייזטע פון דער פּראָווינץ צו פערהאַלטען זיך רוהיג און ווירדיג בײַם דורכגעהן פון לויה-צוג.

בעזונדער ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט אויסצופיהרען פאָלגענדע אָנווײַזונגען:

1) קינדער נישט אַרויסלאָזען אין די גאַסען, דורך וועלכע דער לויה-צוג וועט דורכגעהן.
2) פרויען און קינדער זאָלען אין לויה-צוג נישט אַנטיילנעהמען.
3) דאָס פּובליקום זאָל זיך פערהאַלטען אויף די טראָטואַרען אָדער העכער פון דעם ישיבה-בנין לענגאויס דעם לעווערטאָווער שאָסיי. יעדענפאַלס נישט אַראָבגעהן אין מיטען וועג
4) די טויערען פון די הייזער, דורך וועלכע דער לויה-צוג וועט דורכגעהן זאָלען זיין אָפען

לויט דער פעראָרדנונג פון שטאָדטישען סטאַראָסטא ווערט געבעטען צו האַלטען די אָנווײַזונגען פון דער פּאָליצײַ און אָרדנער, וועלכע וועלען טראָגען שוואַרץ-ווײַסע אָבצײַכנונגען אין די לאַצען. פאַר נישט צופאַסען זיך צו די אָנווײַזונגען וועט מען צוגעצויגען ווערען צו פעראַנטוואָרטליכקייט.

## נפלה עטרת ראשינו

הננו מודיעים בצער ע״ד האסון הגדול אשר קרה את בית ישראל בכלל וקהלת לובלין בפרט בהלקח ממנה רבה ומנהיגה ראש גולת אר אל צבי תפארת ישראל אשר אמרנו בצלו נחיה הגאון הגדול מופת הדור

### מוהר״ר יהודה מאיר שפירא זצ״ל

### אב״ד ור״מ דק״ק לובלין יצ״ו

אשר הרביץ תורה בכמה קהלות הגדיל תורה והאדירה והעמיד תלמידים הרבה בעהמ״ח ש״ות אור המאיר וספר אמרי דעת ועוד בכ״י
נפטר אור ליום ועש״ק פ׳ לך התרצ״ד בשעה ג׳ באשמורת הבוקר

ההלויה תהיה ממעונו בישיבת חכמי לובלין אל בית מועד לכל חי, היום א׳ וירא בשעה 1 אחה״צ

מועצת ושלטון הקהלה העברית בלובלין

